בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויקרא

ג' ניסן תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:17 |
| מוצש"ק | 7:30 |
| ר"ת | 8:11 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:56 | סוז"ת א' | 10:12 |
| סוזק"ש ב' | 9:38 | סוז"ת ב' | 10:40 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': כג

## טיב הפרשה

# די בעסטע עצה קעגן די היינטיגע נסיונות הדור און שוועריגקייטן ביי קינדער – חיבה של מצוה

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר די יסודות ווי אזוי השי"ת האט גערעדט מיט משה רבינו. די פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'ויקרא אל משה' און רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז קריאה איז א לשון חיבה, עס קומט אונז צו לאזן הערן אז אלע קריאות פון השי"ת צו משה רבינו איז געווען בלשון של חיבה.

ווי מיר ווייסן, איז יעדע זאך וואס די תורה הק' זאגט אונז א לימוד פאר די שפעטערדיגע דורות, און אויך די זאך איז א לימוד לדורות.

עס קען זיין אז ווי מיר ווייסן איז די היינטיגע וועלט זייער א שווערע וועלט. די וועלט פלאגט זיך מיט שווערע נסיונות און עס איז ליידער א מציאות אז עס פאלן אוועק שטיקער פון כלל ישראל.

דער מצב איז היינט אזוי שווער אז מען קען זיך נישט פארהוילן פון דעם. מען דארף זיך מתבונן זיין פארוואס איז עס אזוי. מען קען עס אנלייגן אויף די ירידת הדורות, אז די וועלט איז נידריגער ווי אמאל, אבער מיט דעם אלעם זעט זיך אויס אז עס איז דא א נקודה וואס מען דארף אין אכט נעמען און עס אפלערנען און פארשטיין פארוואס טאקע איז עס אזוי.

עס קען זיין אז די נקודה איז מרומז אין אונזער פרשה און ווי געזאגט איז די תורה א לימוד לדורות. אין אונזער פרשה זעט מען די נקודה אז איידער די דיבור צו משה רבינו איז געווען האט השי"ת ארויסגעוויזן א חיבה צו אים און נאר נאכדעם האט ער גערעדט צו אים.

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

### – ◆ כְּאִלּוּ הִקְרַבְנוּ ◆ –

געשטאנען זענען זיי דארט גרופעס-ווייז, מוכן ומזומן פארן סעקונדע וואס דער קעניג וועט אנקומען. נאך א קורצע צייט איז דער קעניג טאקע אנגעקומען, און נאכן באקומען דעם צייכן האבן די סאלדאטן מארשירט און געזונגען לכבוד דעם קעניג. דער קעניג האט זיך געדרייט צווישן זיינע סאלדאטן, און האט זיי באטראכט מיט א טיפן בליק.

עס האט אויסגעזען ווי דער קעניג זוכט עפעס, און נאך א לאנגע זוכעניש, האט דער קעניג געוויזן אויף א פשוט'ן סאלדאט, און זיך אנגערופן: פאר דעם סאלדאט קומט זיך אן אויסצייכענונג. האט זיך יעדער געוואונדערט פארוואס דער קעניג האט אויסגעוועלט דווקא דעם סאלדאט, אינדערצייט וואס פיל בעסערע סאלדאטן פון אים זענען דארט געווען?

האט דער קעניג זיי ערקלערט: וויסן זאלט איר, אז איך האב באטראכט אלע סאלדאטן פון מיין מיליטער, וואס האבן נאראוואס געזונגען לכבוד מיר. אויף א טייל פון זיי האב איך געזען אויסדריקן פון צארן, דערויף וואס זיי דארפן אזוי לאנג שטיין אונטערן ברענענדיגע זון, אויף אנדערע פון זיי האב איך געזען צייכענעס פון פוילקייט, און אפילו סימנים פון מידקייט האב איך געקענט זען ביי עטליכע פון זיי.

אבער ווען איך בין אנגעקומען צו אט דעם אויסגעצייכנטן סאלדאט האב איך געזען פרייד און שטאלץ דערפאר וואס ער איז זוכה צו באדינען דעם קעניג און מארשירן פאר אים. ער איז טאקע דער אויסגעצייכנטער סאלדאט און אים קומט זיך דעם אויסצייכענונג.

אין די פרשה פון די וואך, די פרשה פון די קרבנות לערנען מיר אז דער קרבן דארף זיין לרצונו, דאס הייסט אז דער מענטש דארף מקריב זיין דעם קרבן פון זיין אייגענעם ווילן, און נישט ווייל מען האט אים מחייב געווען דאס צו טון. און אויב וויל ער נישט, זאגט רש"י אז מען צווינגט אים ביז ער זאגט "איך וויל".

דריי מאל א טאג שטייען מיר און מיר דאווענען פארן אויבערשטן. מיר זענען טאקע מחויב צו דאווענען דריי מאל אין טאג, מיר דארפן אבער געדענקען אז די תפילות זענען אויפן ארט פון די קרבנות, און אויב ווילן מיר אז די תפילה זאל ארויפגיין פארן אויבערשטן, דארפן מיר זען אז אונזער תפילה זאל זיין לרצונו, און מען זאל זען די שמחה אויף אונזער געזיכט, אויפן זכות וואס איז אריינגעפאלן אין אונזער חלק, צו קענען דאווענען און לויבן דעם אויבערשטן, און דעמאלטס וועט אונזער תפילה זיכער באוויליגט ווערן און ארויפגיין פארן כסא הכבוד, און עס וועט נשפע ווערן אויף אונז א גרויסן שפע.

(עפ"י טיב התורה-ויקרא)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים

אויף קבלת קהל

0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ווען מען טראכט אריין אין די נקודה ווערט מען נבהל ונשתומם. מען רעדט דאך דא פון דער גרעסטער נביא וואס כלל ישראל האט געהאט און דאך האט השי"ת מגלה געווען פאר אים א חיבה יתירה איידער ער האט גערעדט צו אים. עס איז זיכער אז מיר פארשטייען נישט וואס עס איז געלעגן אונטער די חיבה וואס השי"ת האט געוויזן פאר משה רבינו אבער אז די תורה איז עס מדגיש וויל ער אז מיר זאלן עס לערנען און דערהערן און מיר דארפן עס דערהערן פאר אונז און פאר אונזערע קינדער אז עס דארף גיין בלשון חיבה, ווייל א תורה וואס גייט מיט א לשון חיבה גייט אריין אין די ביינער און עס בלייבט דארט.

די חיבה וואס מיר דארפן אריינלייגן אין די קינדער הייבט זיך אן ביי אונז אליין. מיר דארפן לעבן מיט א געוואלדיגע חיבה צו די מצוות און צו די תורה וואס השי"ת האט אונז מנחיל געווען. נאר אז מיר וועלן אריינטראכטן און זיך מתבונן זיין ווי גוט עס איז אונזער גורל, ווי גליקליך מיר זענען אז מיר זענען אידישע קינדער, אז אונזער לעבן איז א לעבן פול מיט אינהאלט און העכערקייט, וועלן מיר קענען איבערגעבן די נקודה פון 'חיבה' פאר אונזערע קינדער.

און מען דארף אנערקענען און שעצן אונזער חלק. ווען מען טראכט אריין וואס מיר פארמאגן און וויאזוי עס איז דא א וועלט מיט גוים וואס לעבן אפ א פוסטע לעבן און גייען פון איין תאוה צו די אנדערע און אויך פון די זרע ישראל זענען מיר די עם הנבחר, ווייל עס איז ליידער דא אסאך מזרע ישראל וואס זענען נישט זוכה צו דעם, דארפן מיר זיין בשמחה אויף אונזער חלק, אז מיר קענען מקיים זיין מצוות און מעשים טובים און זיך פרייען אויף דעם און די שמחה איבערגעבן ווייטער פאר אונזערע קינדער.

עס איז ידוע וואס דער צדיק הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע פלעגט זאגן אז דער גרעסטער חטא פון א איד איז אז ער פארגעסט אז ער איז א בן מלך.

און ליידער היינט פארגעסט מען עס זייער אסאך. מען זעט די דרויסנדיגע גאס און מען ווערט פארבלענדעט פון איר. מען זעט נאר וואס זיי האבן און מען קוקט נישט אריין וואס מיר פארמאגן, מען שעצט נישט די געוואלדיגע זכיה וואס מיר האבן צו זיין בני מלכים און אז מיר זענען מער פון זיי און אז מען ווייסט נישט איז נישט קיין וואונדער אז מען האט נישט קיין טעם אין א מצוה, אין עבודת השם, און אלעס איז א געצווינגענער זאך.

בשם דער סטייפלער גאון זאגט מען נאך אז ער האט אמאל געזאגט א הגדרה אויף דעם היינטיגן דור קעגן די פריערדיגע דורות אז אין די פריערדיגע דורות האט מען געהאט תרי"ג מצוות, היינט האט מען תרי"ג פראבלעמען און מען זוכט זיך ווי אזוי מען קען זיך אן עצה געבן מיט די מצוות.

דאס איז די וועלט און מיר מוזן זיך פארמעסטן מיט דעם, מיר מוזן זיין די וואס געבן יא אריין א שמחה, א חיות אין א מצוה אז מען זאל לעבן מיט די געפיל אז מיר זענען זוכה און כאפן אריין נאך מצוות, אז אונזער לעבן איז רייך און רייכער פון די עולם הזה, אז מען זאל וועלן טון א מצוה בשלימות.

עס איז ידוע וואס מען זאגט נאך בשם דער אריה"ק אז ער איז אנגעקומען צו אלע זיינע מדריגות דורך שמחה של מצוה, ווייל דורך שמחה קומט מען אן זייער הויך, אויך צו רוח הקודש.

זאל השי"ת העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו דערהערן די נקודה און עס איבערפלאנצן ביי אונזערע קינדער און קינדס קינדער און זוכה זיין קעגן צו גיין משיח מתוך שמחה של מצוה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## דער הפסד וואס איז שפעטער געווארן די גרעסטע הצלחה

מיט עטליכע יאר צוריק זוכנדיג פאר א גוטע פרנסה איז מיר איינגעפאלן אז איך גיי אנהייבן צו פארקויפן מעל פאר אינטערעסירטע. איך האב עס געמאכט אין א ספעציעלער וועג, איך האב געמאלן די ווייץ און עס ווייטער פארקויפט פאר אנדערע. מיט די צייט איז די פארלאנג געוואקסן ווערנדיג גרעסער און גרעסער. זעענדיג אז איך קען נישט נאכקומען די פארלאנג האב איך זיך נאכגעפרעגט ביי אנדערע וואס פארקויפן די סארט מעל און איינגעקויפט ביי אים א קוואנטום און עס ווייטער פארקויפט פאר אנדערע.

די גוטע מעל פלעג איך קויפן אין גרויסע זעק און זיי איינגעפאקט אין קלענערע פעקלעך.

אין יענע צייט איז די פרייזן פון די מעל ארויף זייער שטארק און מיין פארקויפער האט מיר געהעכערט די פרייזן. ווען איך האב אים געזאגט אז עס איז אוממעגליך צו שטיין אין אזוינע פרייזן האט ער מיר געזאגט אז ער האט נישט קיין ברירה, ער מוז הייבן די פרייזן ווייל אלעס איז שרעקליך געשטיגן.

איך האב משלים געווען מיט'ן מצב. ווען איך האב אים געפרעגט צי ווען די פרייזן וועלן אראפגיין צי ער וועט אראפלאזן די פרייזן האט ער געזאגט אז זיכער אזוי, ווען די פרייזן וועלן אראפגיין וועט ער אראפלאזן די פרייזן.

א שטיק צייט שפעטער זענען די פרייזן אראפ און איך האב געווארט אז ער זאל אראפלאזן די פרייזן אבער עס האט נישט פאסירט. ווען איך האב אים געפרעגט דערויף, איז ער געווארן בייז אויף מיר און מיר באשריגן אז איך זאל זיך נישט אריינמישן אין זיינע געשעפטן.

עס האט מיר זייער וויי געטון. איך האב באשלאסן אז דאס איז עס, איך גיי זיך עפענען אליין. איך האב זיך אריינגעלייגט אין דעם פעלד. עס האט מיר געדויערט מער ווי א יאר צו שטודירן די פאך און ענדליך האב איך געטראפן א וועג וויאזוי איך קען אליין מאכן מעל אויף א גוטער וועג.

דער סוף איז געווען אז די מעל איז ארויס ספעציעל גוט, אסאך בעסער ווי איך האב עס געהאט אריגינעל, איך האב פארדינט אסאך מער און זיך אייגעשפארט פון דארפן אראפגעבן פראצענטן פאר אנדערע.

היינט, ווען איך קוק אויף צוריק און כ'זע וויאזוי די זאכן האבן זיך געדרייט, זע איך וויאזוי זאכן האבן זיך געפירט לטובה און אז ווען נישט דער איד וואלט זיך אויפגעפירט אזוי שטרענג צו מיר וואלט איך קיינמאל נישט אנגעקומען אזוי ווייט ווי איך בין למעשה אנגעקומען.

איך האב זיך געלערנט פון דעם אז אסאך מאל זעט אויס א זאך שווער, אבער אונטער די שוועריגקייט באהאלט זיך אן אור.

דערציילט דורך דער בעל המעשה ח.ר.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספּואלס אין פאקס: 15326517922

# קמחא דפסחא

**"שׁוֹאֲלִין בְּהִלְכוֹת פֶּסַח קֹדֶם לַפֶּסַח שְׁלֹשִׁים יוֹם. הגה: וּמִנְהָג לִקְנוֹת חִטִּים לְחַלְּקָן לַעֲנִיִּים לְצֹרֶךְ פֶּסַח"**

(שו"ע או"ח תכ"ט)

דער הייליגער מחבר הייבט אן הלכות פסח אין שולחן ערוך (סימן תכט ס"א), מיט די הלכה אז מען הייבט אן צו לערנען די הלכות פון פסח דרייסיג טעג פאר פסח. און דער הייליגער רמ"א לייגט צו אז דער מנהג איז צו קויפן ווייץ, און מען טיילט עס פאר די ארימעלייט פאר פסח.

האבן צדיקים געזאגט, אז פון דעם וואס דער הייליגער רמ"א האט צוגעשטעלט די הלכה פון קמחא דפסחא צו די הלכה פון שואלין ודורשין בהלכות פסח, לערנען מיר, אז אזוי ווי מען דארף שוין אנהייבן לערנען די הלכות פון פסח דרייסיג טעג פאר יו"ט, אזוי אויך דארף מען נאכפארשן אין די דרייסיג טעג, און זען פון וואו וועלן די ארימעלייט האבן אויף צו מאכן פסח...

פון דא איז דער מקור פון ערליכע אידן, שוין פאר לאנגע דורות, צו אנפירן מיט א מגבית קמחא דפסחא פאר יום טוב. און אויב וועלן מיר ציילן און אויסרעכענען וויפיל מיליאנען גיסן זיך אויף קמחא דפסחא, וועלן מיר זען אז דאס איז א געוואלדיגער קידוש השם וואס איז ממש אומגלויבליך! אשרי חלקם!

-> • <-

דער יום טוב פסח אין קערעסטיר, אונגארן, ביים הויף פונעם הייליגן רבי'ן רבי ישעי'לע קערעסטירער זצוק"ל, איז געווען איינס פון די שענסטע און מערסטע דערהויבענע צייטן וואס די שטעטל האט געקענט.

דאס גרויסן טומל האט זיך אנגעהויבן פון ראש חודש ניסן, ווען אלע זענען געווארן שותפים און האבן גענומען א טייל אין די גרויסע הכנות צום גרויסן הייליגן יום טוב, מיט רייניגן די שטיבער אויפן בעסטן אופן. אויך דעם גרויסן בית המדרש און די הכנסת אורחים שטוב, די קאך און דעם גרויסן עס־זאל, ווען אלעס ווערט געטון לויט די פילע חומרות און דקדוקים וואס דער הייליגער צדיק האט מקבל געווען פון זיינע הייליגע רבי'ס.

אבער דער עיקר ארבעט און הכנות אין קערעסטיר, זענען געווען ארום דאס אנגרייטן די פילע עסן וואס מען האט געדארפט האבן פארן הייליגן יום טוב. ווי באקאנט, האט דער הייליגער צדיק זייער שטארק מחבב געווען און מהדר געווען אין די מצוה פון הכנסת אורחים, און זיין טיר איז געווען ברייט אפן פאר די פילע געסט און יושבים, וועלכע האבן זיך אויפגעהאלטן ביי אים, און ווער עס האט נאר געוואלט האט געקענט קומען זעטיגן זיין גוף און זיין נשמה, ווי באקאנט.

און ווען פסח האט זיך דערנענטערט, פלעגן קומען נאכמער געסט, טייל פון זיי זענען געווען גרויסע חסידים און באוואוסטע רבנים, וואס זענען געקומען צו פראווען דעם יום טוב צוזאמען מיטן הייליגן צדיק, און א טייל פון זיי זענען געווען ארימעלייט וואס האבן נישט געהאט קיין געלט פאר די הוצאות פונעם יום טוב, און אין יענע צייטן זענען געווען אסאך אזעלכע... און אזוי האט מען געדארפט צושטעלן זייער אסאך עסן.

דער הויפט עסנווארג וואס מען האט גענוצט אין אונגארן אין יענע צייטן, איז געווען די קארטאפל, וואס פון דעם האט מען געמאכט מערסטנס פון די מאכלים. א גאנץ יאר איז אלעמאל געווען אסאך קארטאפל אינעם הייליגן הויף אין קערעסטיר, וואו הונדערטער אידן פלעגן אלעמאל עסן.

עס ווערט אויך דערציילט, אז ממש פאר זיין הסתלקות, האט רבי ישעי'לע געהייסן צושטעלן א ריזיגן טאפ מיט אסאך קארטאפל (און מיט אסאך שמאלץ...), ווייל נאך אביסל גייען דא קומען אסאך געסט... און זיין כוונה האט מען נאר שפעטער פארשטאנען, ווייל דער צדיק האט פון פאראויס געזארגט פאר די אלע וואס וועלן קומען פונדערווייטנס צו די לויה, אז זיי זאלן באקומען א גוטע פארציע עסן...

וויבאלד מען האט געדארפט צושטעלן טויזנטער קארטאפל פאר יו"ט, איז נישט געווען גענוג אז די קעכער אליין זאלן שיילן, און מען האט געדארפט צוקומען צו די הילף פון די יושבים, און אזוי האבן זיי אויך גענומען א חלק אין דאס קארטאפל שיילן...

מיט די צייט איז עס שוין געווארן א מנהג קבוע אין קערעסטיר, אז די גדולי החסידים, די רבנים און זקנים, און נאך זיי אלע חסידים פון גרויסן ביז קליין, פלעגן אראפגיין צום גרויסן קאך, און צוהעלפן מיט די ארבעט פונעם שיילן, און אליין נעמען א חלק אין די גרויסע מצוה וואס איז באליבט אויף זייער רבי'ן. בשעת די ארבעט, פלעגן די חסידים שמועסן סיפורי צדיקים און רעדן דברי חיזוק, מיט דביקות'דיגע געזאנגען וואס הייבן אויף די הערצער. [זע אין ספר "טיב הקהילה", פרשת וישב תשע"א, א וואונדערליכע מעשה וואס איז פארגעקומען אין קערעסטיר, אין אט דעם געהויבענעם זמן וואס די חסידים זענען געזעצן און געשיילט קארטאפל].

ווען דער הייליגער יום טוב פסח איז געקומען צו גיין, איז אט די מלאכת הקודש פון שיילן די קארטאפל געווען נאך אסאך מער וויכטיג, וויבאלד אין יענע צייטן איז כמעט נישט געווען קיין אנדערע מאכלים פאר פסח, און כמעט אלעס פאר יו"ט איז געמאכט געווארן פון קארטאפל. דעריבער איז נישט קיין וואונדער, אז איינס פון די וויכטיגסטע עסנווארג אין קערעסטיר פאר פסח (אויסער מצות און וויין) איז געווען קארטאפל [וואס ווערט שוין דערמאנט אין שער הציון (סימן תע"א ס"ק ה') אלס א מאכל פון פסח, און זע ערוך השולחן (סי' תנ"ג סוף סעיף ה')].

איין יאר, איז געווארן אין אונגארן א גרויסן מאנגל אין קארטאפל, און אין יעדן ארט זענען קארטאפל געווארן זייער געוואונטשן. אויב האט זיך שוין געמאכט אביסל סחורה, האט זיך עס פארקויפט פאר גאר א טייערער פרייז, און איז גלייך צוכאפט געווארן דורך די גרעסטע עשירים.

זעלבסטפארשטענדליך, אז צו די קליינע און ארימע שטעטל קערעסטיר, זענען די קארטאפל בכלל נישט אנגעקומען. דאס ביסל סחורה וואס געפעפערטע סוחרים האבן מצליח געווען צו ברענגען פון אויסלאנד, האט מען גלייך געברענגט צו די גרויסע און רייכע שטעט, אזוי אז די קערעסטירער איינוואוינער האבן פאר לאנגע חדשים נישט פארזוכט קיין קארטאפל.

אויב האבן זיך די אידן אינמיטן יאר אן עצה געגעבן אן קארטאפל, און האבן אריינגעלייגט אינעם טשאלנט מער באנדלעך אנשטאט די קארטאפל, איז אבער די פראבלעם ווידעראמאל אויפגעשווימען ווען פסח האט זיך דערנענטערט, וויבאלד יעדער איינער ווייסט אז קארטאפל איז דאך יעצט דער הויפט מאכל, און אויב האט מען נישט קיין קארטאפל, וויאזוי וועט מען קענען געבן עסן פאר אלע געסט?

מיט גרויס זארג איז מען צוגעגאנגען צום הייליגן צדיק, און מען האט אים געגעבן צו פארשטיין, אז אויב האט מען נישט קיין קארטאפל וועט מען כמעט נישט האבן קיין עסן פאר די געסט! א סכנה פון הונגער שוועבט חלילה איבער אלע געסט, און עס איז נישטא קיין גרעסערע מצוה פון קמחא דפסחא ווי דעם!

רבי ישעי'לע האט זיי בארואיגט, און געשטארקט מיט בטחון אינעם גרויסן באשעפער, און האט זיי צוגעזאגט אז ער וועט מתפלל זיין און בעטן ביים אויבערשטן, און זיכער וועט דער אויבערשטער אליין מקיים זיין דעם הייליגן מנהג פון קמחא דפסחא וואס ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך... [אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש תנחומא (נשא, כט) אז אויך מיט די מצוות וואס די זקנים האבן מתקן געווען, טוט דער אויבערשטער מסכים זיין].

נישט לאנג פאר פסח, איז אין א טאג דורכגעפארן נאנט צו קערעסטיר, א ריזיגער לאסט־וואגן, איינגעשפאנט צו העלדישע פערד, און דער וואגן איז געווען אנגעפילט מיט די הייסטע סחורה אויפן אונגארישן מארק - קארטאפל! דער וואגן איז געווען אויפן וועג צום הויפטשטאט בודאפעסט, דארט ביי די רייכע שרים, וועט מען עס קענען פארקויפן פאר א הון רב!

ווען פלוצלונג, אן קיין שום ערקלערונג, האבן זיך די פערד אפגעשטעלט! פונקט נעבן דער אריינגאנג צום שטעטל קערעסטיר. דער אידישער סוחר וואס איז

המשך אין עמוד ד' >

געזעצן אויפן וואגן, האט זיך זייער שטארק געאיילט אין וועג, וועלנדיג וואס שנעלער אריבערפירן די טייערע סחורה צום ציל. ער האט געשמיסן די פערד איינמאל און נאכאמאל, עס האט אבער גארנישט געהאלפן! די פערד האבן זיך נישט גערירט פון ארט! עס האט אויסגעזען ווי זיי זענען צוגענאגלט צו די ערד.

דער סוחר וואס האט געפירט די קארטאפל, איז געווען פארלוירן און דערשראקן. ער האט נאך קיינמאל נישט מיטגעלעבט אזא מאדנער ערשיינונג, און האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס די פערד האבן זיך פלוצלונג אפגעשטעלט, און פארוואס פארן זיי נישט ווייטער. ער האט שוין געוואלט ענדיגן דאס געשעפט, און אריינלייגן א גרויסן פארמעגן אין זיין קעשענע, אלס מעקלעריי געלט...

נאכן פראבירן עטליכע מאל צו רוקן די פערד פאראויס, און זעענדיג אז זיי רירן זיך נישט פון ארט, האט ער זיך דערמאנט אז ממש דא אין שטעטל געפינט זיך א גרויסער צדיק און פועל ישועות, דאס איז דאך דער רבי ר' ישעי'לע זי"ע, און ער האט באשלאסן אריינצוגיין אינעם שטעטל און בעטן הילף פונעם צדיק, אינעם מאדנעם צרה וואס האט אים דא אנגעטראפן ביים אריינגאנג צו זיין שטעטל.

צו זיין גרויס איבערראשונג, האט דער צדיק זיך געוואנדן צו אים מיט די פאלגנדע רייד: וויסן זאלסטו, אז אט די קארטאפל וואס דו פירסט אין דיין וואגן, זענען די פרוכט פון די הייליגע אידישע תפילות, וואס אידן האבן מתפלל געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פארן גרויסן באשעפער וואס פירט און קוקט זיך אום אויף דער גאנצער וועלט, און אים געבעטן אז ער זאל מקיים זיין דער מנהג פון קמחא דפסחא, און צושטעלן קארטאפל פאר אידישע קינדער, פארן הייליגן יום טוב פסח הבא עלינו לטובה.

און דא שטייען מיר - האט רבי ישעי'לע ווייטער געזאגט צום סוחר - עטליכע טעג פאר פסח, און עס איז נישטא קיין שום קארטאפל פאר פסח, אינדערצייט וואס דאס איז דער עיקר עסן פאר אלע געסט, וואס מערסטנס פון זיי זענען ביטערע ארימעלייט.

דעריבער, האט דער צדיק אויסגעפירט, אויב וועסטו מסכים זיין און איבערלאזן דא גענוג קארטאפל וויפיל מיר דארפן האבן פאר יום טוב, וועסטו קענען ווייטער פארן מיט גרויס הצלחה! אבער אויב וועסטו נישט געבן וויפיל מיר דארפן, וועלן זיך די פערד נישט רירן פון ארט, און דו וועסט נישט קענען אוועקפירן די סחורה פון דא, וויאזוי דו וועסט נאר פראבירן!

אונזער סוחר, האט שוין גוט געוואוסט אז די ווערטער וואס גייען ארויס פונעם הייליגן מויל פונעם קערעסטירער צדיק, גייט נישט צוריק ליידיג, און זייער כח איז זייער שטארק. ער האט גלייך פארשטאנען אז ער האט נישט קיין אנדערע ברירה, נאר אויסצופירן דאס וואס דער צדיק האט געבעטן. איז ער צוגעגאנגען צום וואגן, און ארויסגענומען עטליכע ריזיגע זעק מיט געשמאקע קארטאפל, אלס קמחא דפסחא פארן חצר הקודש דקערעסטיר, און האט גלייך פארגעזעצט אין וועג מיט גרויס הצלחה, און די קערעסטירער אידן האבן אויפגעלאכטן! ס'איז שוין דא קארטאפל אויף יום טוב!

***

אן אנדערע יאר, אין די טעג פון נאך פורים, ווען די פילע געסט וואס זענען געקומען אויף פורים קיין קערעסטיר, האבן גענומען פאקן זייערע פעקלעך, וועלנדיג אהיימפארן פאר פסח, איז צווישן זיי געווען א געסט, וואס האט זיך אויך געשטעלט אין די רייע, זיך צו געזעגענען פונעם צדיק און באקומען זיין ברכה פארן וועג. אבער צו יעדנ'ס וואונדער, האט דער רבי זיך געוואנדן צו אים זאגנדיג: דו פארסט שוין אויך? פארוואס זאלסטו נישט בלייבן מיט אונז אויף פסח? און דער רבי האט אים שטארק געבעטן אז ער זאל בלייבן אין קערעסטיר אויף פסח. זעענדיג ווי שטארק עס גייט אן פארן רבי'ן, האט דער איד צוגעשטימט און איז דארט געבליבן אויף יו"ט.

ווען דער רבי האט באמערקט דעם גרויסן וואונדער פון די מקורבים, פארוואס ער האט אויפגעהאלטן דעם גאסט און אים געבעטן צו בלייבן פאר נאך א גאנצן חודש אין קערעסטיר, האט זיי דער רבי מגלה געווען אביסל פון זיינע סודות: איך ווייס אז דער איד האט נישט קיין געלט צו צוגרייטן דעם יו"ט פסח אזוי ווי עס דארף צו זיין, און צוליב זיין בושה האט ער באשלאסן אז ער גייט נישט בעטן הילף, אפילו אויב ער וועט דארפן עסן חמץ בפסח! רחמנא ליצלן. דעריבער האב איך אים געהייסן אז ער זאל בלייבן דא מיט אונז, און עסן ביי מיין טיש, כדי אים צו ראטעווען פון חמץ בפסח חלילה!

-> • <-

אמאל אין אן ערב שבת, איז אינעם גאנצן געגנט פון קערעסטיר נישט געווען צו באקומען פיש לכבוד שבת. אסאך געסט זענען געקומען צו פארן קיין קערעסטיר צו זיין מיטן צדיק אויף שבת קודש, און עס איז שוין געווען חצות היום, נאך עטליכע שעה וועט ווערן שבת, און עס איז נישטא קיין פיש.

האט דער הייליגער רבי זיך געוואנדן צו די רעבעצן ע"ה, און געזאגט: פול ביטע אן די טעפ מיט וואסער, און שטעל זיי צום קאכן, מיט אלע געווירצן וואס מען דארף, כדי מען זאל קענען קאכן פיש לכבוד שבת!

דער צדיק האט זיך גלייך ארויסגעלאזט צום קליינעם טייכל וואס איז דורכגעגאנגען נעבן קערעסטיר, וואו עס פלעגט קיינמאל נישט זיין קיין פיש. פלוצלונג איז דארט אנגעקומען א ריזיגער פיש! וואס די געטרייע גבאים האבן עס גלייך געכאפט, און עס אריינגעשטעלט אין די קאכעדיגע טעפ, און עס איז געווען פיש בריוח לכבוד שבת קודש!

[טיב הזכרונות - הרבי הקדוש רבי ישעיה'לע מקערעסטיר]





על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע"י אלול תשפ"ב תנצבה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצבה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצבה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173